Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 58 | Łódź, Środa, 8 marca 1933 r. | 12טער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ח' אדר תרצ"ג | № 58

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען אין כעמניץ

## דעמאלירט און צורויבט פיל יודישע געוועלבער

## פוילישער קאנסול אינטערוועניערט לטובת די יודען

לייפציג, 7 (ספ. טעל.).

אין יודישען קווארטאל אין כעמניץ זענען געקומען פארגעקומען זעהר ערנסטע אנטי-יודישע געשעהענישען. די היטלעריסטען האבען איינגעארדנט א דעמאנסטראציע און מיט אויסגעשרייען „נידער מיט די יודען! „די יודען פון פוילען מוזען ארויס פון דייטשלאנד". אין די דעמאנסטראציע א ריין אין יודישען קווארטאל, ס'זענען אויסגעהאקט געווארען זעהר פיל פענסטער-שויבען. פיל געוועלבער זענען דעמאלירט געווארען און די סחורות זענען אויסגערויבט געווארען. צוליב די דאזיגע געשעהענישען זענען אלע יודישע געוועלבער געשלאסען געווארען.

א יודישע דעלעגאציע פון כעמניץ איז געקומען קיין לייפציג און געבעטען דעם פוילישען קאנסול צו אינטערוועניערען. דער פוילישער קאנסול איז גלייך ארויסגעטרעטען צו די דייטשע רעגירונגס-קרייזען און געפאדערט ארויסצוגעבען שארפע פעראָרדענונגען, אז אזעלכע געשעהענישען זאלען מעהר נישט פארקומען. דער קאנסול האט אויך געפאדערט אויסצוצאהלען ענטשעדיגונג די געליטענע.

## א שפאגעל נייע רעוואלוציע איז אויסגעבראכען אין בראזיל

פאריז, 7 (ספ. טעל.)

פון מאנטעווידעא מעלדעט מען, אז אויף דער בראזיליאנישער גרעניץ איז די סיטואציע זעהר ערנסט, אין ריא גראנדע איז געקומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסען צוליב מיספערשטענדנישען צווישען דעם פרעזידענט ווארגאס און דעם גובערנאטאר פון דער פראווינץ. די צוזאמענשטויסען צווישען פעדעראלען און לאקאלען מיליטער האבען זיך געענדיגט מיט א מפלה פון לאקאלען מיליטער.

## אפגעלעגט די זיצונג פון דער בילדונגס-קאמיסיע ביים סיים

ווארשא, 7 (טעלעפאניש)

די אויסבעסערונגען וואס דער סענאט האט געמאכט אין געזעץ וועגען דער אויטאנאמיע פון די הויכשולען האבען שוין געזאלט בעטראכט ווערען דורך דער בילדונגס-קאמיסיע ביים סיים. מ'האט אבער נישט צוגעשטעלט די קאמיסיע-מיטגלידער די אויסבעסערונגען אין פארגעשריבענעם טערמין און דעריבער איז די זיצונג פון דער קאמיסיע אפגעלעגט געווארען.

## איטאליענישער שטרייק פון ווארשאווער מאגיסטראט-בעאמטע

ווארשא, 7 (טעלעפאניש)

נעכטען האבען די שטאטישע בעאמטע אנגעהויבען אן איטאליענישען שטרייק אלס פראטעסט נעגען אפשאפען דעם אזוי-גערופענעם הויפט-שטאט צושלאג. פון שטרייק זענען בעפרייט געווארען די בעאמטע פון אינסטיטוציעס פון מענשליכען געברויך.

## נאוועלע צום געזעץ וועגען פערזיכערן אינטעלעקטועלע ארבייטער

ווארשא, 7 (טעלעפאניש)

אין דער ארבייטס-קאמיסיע ביים סיים איז היינט בעטראכט געווארען די נאוועלע צו דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט וועגען פערזיכערן אינטעלעקטועלע ארבייטער.

## פערענדיגט דער דעמאנסטראציע-שטרייק אין אויבערשלעזיען

קאטאוויץ, 7 (טעלעפאניש)

דער 2 טאגעדיגער דעמאנסטראטיווער שטרייק פון די קויהלען-גרובען-ארבייטער האט זיך פערענדיגט, פרייטאג וועט פארקומען א זיצונג פון דער ארביטראזש-קאמיסיע, וועלכע וועט זיך פערנעהמען מיט ליקווידירען דעם קאנפליקט.

## ס'וועט זיין ליהודים!

פורים דארף מען פרעהליך זיין.

פורים מוזט איהר פערגעסען אין די ווירטשאפט, סעקוועסטראטארען, קאמארניקעס, בעל-חובות, כלל-טוער, טובה-טוער'ס, מאכער'ס, זאגער'ס און אנדערע שלעס און אנשיקענישען.

מיר זאגען אייך דערום אן די פרעהליכע בשורה, אז

שוין מארגען דערשיינט

# די המן-טאש

הומאריסטישע אויסגאבע לכבוד פורים

פון אב—נעק.

די המן-טאש איז אנגעפיהלט מיט כל-טוב, און דאס

נאר פאר 15 גראשען.

די המן-טאש איז צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

---

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג!

דער אמבולאטאריום

ביים פעראיין „לינת המשמורים"

זשעלאזנא 26, טעל. 242-55

אפען טעגליך פון 10 ביז 5 נאכמיטאג אין דרינגענדע פאלען ביז 8 א זייגער אוונט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפן ארט. שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים.

נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אבצאהלונג.

די פערוואלטונג.

885

---

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר אוירען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל. 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לעשניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און 2—3 נאכמ.

---

אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אוונט.

---

Ponieważ niektórzy PP. Odbiorcy posiadający ograniczniki zwracają się przed nadejściem terminu płatności swych rachunków do Dyrekcji Elektrowni z prośbą o odroczenie dnia płatności, co sprzeczne jest z zawartą umową, przeto zawiadamia się PP. Odbiorców, że listy skierowane do Dyrekcji w tej sprawie pozostawione będą **bez skutku i bez odpowiedzi.**

Uprzedza się zatem wyżej wymienionych PP. Odbiorców, że termin oznaczone na rachunkach są **bezwzględnie obowiązujące,** gdyż w zależności od nich ustalona została zniżkowa taryfa za energię elektryczną. Nieuregulowane w terminie rachunki spowodują wyłączenie prądu, zgodnie z § 58a uprawnienia rządowego Nr. 12.

Dyrekcja Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego. Sp. Akc.
(Elektrownia Łódzka).

1186

---

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון לונגען- הארץ-און מאגען-קראנקה.

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוונט.

---

זאל „פילהארמאניע" נארוטאוויטש 20

היינט, מיטוואך, 9 אין אוונט קומט פאר א איינמאליגער

ווארט-קאנצערט

פון די בעריהמטע וועלט-קינסטלער

אלא לילית און וו. גאריק

מיט א נייעם פראגראם

קאמבינאציע פון ליד און שפיל, הומאר, און כאראקטער, לידער און פאלקס-סצענעס פון אמעריקאנער רעפערטואר, נעגער-לידער!

בײַ דער פיאנינא די אמעריקאנער קינסטלערין ראכעל רעי.

בילעטען פון 85 גר. ביז 4 זל. בײַ דער קאסע פון „פילהארמאניע".

---

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

